# אֵיזֶהוּ מְקוֹמָן

**א.** דֶערְמַאנְט אַייךְ נָאר אִידְן דֶעם אָרְט,
וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן דָארְט,
אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יְרוּשָׁלַיִם.
מְ׳הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען זְבָחִים,
שְׁלָמִים עוֹלוֹת וּנְסָכִים,
בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם.

(2) סְ׳אִיז עוֹלֶה גֶעוֶוען לְרֵיחַ,
אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן מִזְבֵּחַ,
אוֹיף דֶעם אָרְט אַלֶע מִינֵי קָרְבָּנוֹת,
לְכַפֵּר עֲוֹנוֹת, הָרָצוֹן וְהָאוֹנֶס,
וִוי גְרוֹיס אִיז נֶעבֶּעךְ הַיינְט דָאס רַחְמָנוּת.

(2) בְּקוֹלוֹת וּבְרָקִים,
וֵויינֶען מִיר אוֹיף דֶעם מָקוֹם,
אַז דָאס אָרְט אִיז גֶעוָוארְן אַוֶועק-גֶענוּמֶען.
אַז מְ׳טוּט זִיךְ דֶערְמַאנֶען,
אַז דָאס אִיז מֶער נִישְׁט פַארְהַאנֶען,
דָאס הֵיילִיגֶע מָקוֹם אִיז אַוֶועק-גֶעקוּמֶען.

(3) עֶס וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן,
עֶס שְׁרַייעֶן עֶס זָאגְן,
אַלֶע טָאג, דִי בְּנֵי מְלָכִים,
יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי,
פְרֶעגְן מִיר **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

**ב.** מְ׳הָאט אוּנְז אַ נִידֶער-גֶעשְׁטֶעלְט,
דָאס הֵיילִיגֶע גֶעצֶעלְט.
וָואס הָאט אוּנְז דֶעמָאלְטְס גֶעפֶעלְט?! –
אָנְגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת,
נִישְׁט גֶעוְויסְט פוּן קֵיין גְזֵירוֹת,
אַזוֹי-וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט:

(2) מֵעוֹלָם לֹא לָן אָדָם
בִּירוּשָׁלַיִם,
וַעֲבֵירָה בְּיָדוֹ –
סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נִתְקַיֵּים.
וַוייל אוֹיף יֶעדְן חֵטְא,
וָואס אִיז חָלִילָה גֶעשֶׁען,
הָאט דִי קָרְבָּן תָּמִיד מְכַפֵּר גֶעוֶוען.

(3) אָבֶּער הַיינְט וֶוער קֶען דֶערְטְרָאגְן,
מְ׳הָאט נֶעבֶּעךְ אַ פִילֶע מָאגְן,
מִיט פַארְשִׁידֶענֶע נַארִישֶׁע דְרָכִים.
אִיבֶּער דֶעם יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי,
פְרֶעגְן מִיר **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

**ג.** בַּאלְד אִינְדֶערְפְרִי, נֶעמְט מֶען זִיךְ דִי מִיה,
מְ׳נֶעמְט זִיךְ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָונוֹת.
דֶערְמַאנֶען זִיךְ דִי אִידְן,
אַז תְּפִילוֹת אִיז בִּמְקוֹם תְּמִידִין,
אַז דַאוֶוענֶען אִיז אַנְשְׁטָאט קָרְבָּנוֹת.

(2) דֶער קָהָל מִיטְן שַׁ״צ,
אִיז נָאר אֵיין עֶרְזַאץ,
אַנְשְׁטָאץ קָרְבָּנוֹת, בְּלוֹיז אַ תְּפִילָה.
אַז מְ׳דֶערְזֶעט זִיךְ וואוּ מְ׳הַאלְט,
מַאכְט מֶען שׁוֹין אַ גֶעוַואלְד,
בְּנֵה בֵיתְךָ כְּבַתְּחִילָה.

(3) מִיר פְרֶעגְן נָאר דָאס אֵיינֶע וָוארְט,
וִוי זֶעט מֶען שׁוֹין צוּרִיק דָאס אָרְט,
מַקְרִיב זַיין תְּמִידִים וּנְסָכִים.
אוֹי! וִוי לַאנְג נָאךְ וִוי,
וֶועט מֶען פְרֶעגְן **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

**ד.** מִיר פְרֶעגְן בְּשָׂפָה רָפָה –
דִי שְׁאֵלָה מַה יָפָה,
מַה יָפוּ פְּעָמַיִךְ בַּנְעָלִים.
אוֹי וִוי שֵׁיין, אוּן וִוי גוּט,
זֶענֶען גֶעוֶוען דִי טְרִיט,
וֶוען אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עוֹלֵי רְגָלִים.

(2) צַדִּיקִים וַחֲסִידִים,
אָרִימֶעלַייט אוּן נְגִידִים,
זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בְּאַהֲבָה וּבְרֵיעוּת.
בְּאַחְדוּת גֶעוֶוען גֶעגְרִינְדְן,
בְּגוּף וּנְשָׁמָה צוּזַאמֶען גֶעבִּינְדְן,
אַ קֶשֶׁר בְּלֵב וָנֶפֶשׁ,
מִיט גְלַייכֶע דֵעוֹת.

(3) שְׁרַייט גֶעוַואלְד קוּמִי רוֹנִי בַלֵּילוֹת,
אוֹיף דַרְכֵי צִיוֹן אֲבֵילוֹת,
סְ׳זָאלְן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן צִיוֹן׳ס דְרָכִים.
אוֹי, בַּאשֶׁעפֶער! עֶנְטְפֶער דוּ –
אוֹיף דִי שְׁאֵלָה **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

**ה.** עֶס הָאט אִינְגַאנְצְן אַ דוֹרְךְ גֶענוּמֶען,
דָאס שֵׁיינְקַייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם קוּמֶען,
וִוי שֵׁיין זֶענֶען גֶעוֶוען דִי טַייעֶרֶע גֶעזַאנְגֶען.
גֶעגַאנְגֶען מִיט רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת,
מִיט חֶדְוַת הַלְּבָבוֹת,
וֶוען אִידְן זֶענֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעגַאנְגֶען.

(2) סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי טַייעֶר,
סְ׳הָאט גֶעבְּרֶענְט וִוי אַ פַייעֶר,
הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה הָאט מֶען כְּסֵדֶר גֶעזֶען,
פוּן דִי שְׁכִינָה הָאט מֶען
זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שֵׁיידְן,
מְ׳הָאט גֶעפִילְט אַ מְתִיקוּת אוּן אַ טַעַם גַן עֵדֶן,
אוֹי! וָואס אִיז הַיינְט נֶעבֶּעךְ גֶעשֶׁען.

(3) לָאמִיר וֶועלְטְן רַייסְן,
הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל שׁוֹין מֶער נִישְׁט כַּעַסְ׳ן,
עֶר זָאל זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן צוּ דִי בְּנֵי מְלָכִים.
אֵיינְצִיגֶער קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא,
פַארְעֶנְטְפֶער דוּ דֶעם **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

**ו.** וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן,
וֶוערְט דָאס הַארְץ צוּרִיסְן,
מְ׳דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן דֶער מִצְוָה
פוּן שֶׂה לְבֵית אָבוֹת.
וִוי מְ׳הָאט דָאס גֶע׳שָׁחְטְ׳ן,
דִי הֵיילִיגֶע אוֹרוֹת הָאבְּן גֶעלוֹיכְטְן,
סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה בַּיים יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת.

(2) אוּן אַז מְ׳דֶערְמַאנְט זִיךְ אַזוֹי,
פוּן דִי מִצְוָה ״וְעֶצֶם לֹא תִשְׁבְּרוּ בוֹ״,
מְ׳הָאט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן קֵיין עֲצָמוֹת.
אָבֶּער הַיינְט מֵאגְרָא רָמוֹת,
צוּבְּרֶעכְט מֶען אִידִישֶׁע עֲצָמוֹת,
אוֹי! עֶס וֶוערְן פַארְטְרִיבְּן אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

(3) אוֹי! בַּאשֶׁעפֶער – גֶעוַואלְד!
עֶס זָאל שׁוֹין זַיין בַּאלְד,
שׁוֹאֲלִין וְדוֹרְשִׁין בְּהִלְכוֹת פְּסָחִים.
אוּן טַאקֶע בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם,
זָאל שׁוֹין זַיין וְנֹאכַל שָׁם,
מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים.
אוֹי! בַּאשֶׁעפֶער אַייל זִיךְ שׁוֹין צוּ,
מְ׳זָאל שׁוֹין וִויסְן **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

**ז.** דֶער רִבּוֹנוֹ דְעַלְמָא כּוּלָא,
וֶועט צוּהֶערְן אוּנְזֶער תְּפִילָה,
מִיר זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ יְשׁוּעָה אַצִינְד.
אוֹיף דֶעם בֶּעטְן מִיר אוֹיךְ,
סְ׳זָאל נִתְעוֹרֵר וֶוערְן דֶעם כֹּחַ,
מְקַרֵב צוּ זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה גֶעשְׁווִינְד.

(2) מְ׳וֶועט זֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט,
פְלוּצְלִינְג גְרֵייטֶערְהֵייט,
דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער בַּיִת וְהָעֲלִיָּה.
וֶועט זַיין הַכֹּל מוֹדֶה, יַחַד כּוּלָם הוֹדוּ,
מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבָּן תּוֹדָה אוֹיף דִי יְשׁוּעָה.

(3) אוּן גְלַייךְ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם, וֶועט זַיין וְנֹאכַל שָׁם,
מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים.
מֶען וֶועט שׁוֹין וִויסְן וואוּ, בְּנִיחוּתָא – **אֵיזֶהוּ,**
**מְקוֹמָן שֶׁל זְבָחִים.**

# בְּנֵה בֵּיתְךָ

ר' יצחק אונגר

**א.** אִיךְ מָאל מִיר אוֹיס אַ שֵׁיין בִּילְד, וָואס אַ רֶגֶשׁ מִיט גֶעפִיל הָאט אַ אִיד גֶעפִילְט,
וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן אַלֶע זֶענֶען עוֹלֶה רֶגֶל גֶעגַאנְגֶען,
סְ'אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ אוּן שֵׁיין.
מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט, מִצְוֹות וּמַעֲשִׂים, מִיט הֶעכֶערְקַייט,
קִינְד אוּן קֵייט, פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, סְ'אִיז גֶעוֶוען מָלֵא חֵן, קַיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ אוּנְזֶער הֵיים.
**בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ. בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ.**

**ב.** דַרְכֵי צִיוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעגְרֵייט, צוּ דִי טְרִיט פוּן דִי אִידְן מִיט גְרוֹיסֶע פְרֵייד,
דָאס הַארְץ אִיז גֶעוַואקְסְן, אִיךְ שְׁטֶעל מִיר נָאר פָאר,
קוּמֶען צוּם פְּלַאץ וָואס מֶען בֶּענְקְט אַ גַאנְץ יָאר, קוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם.
עֶרֶב פֶּסַח נָאךְ חֲצוֹת מִיטְ'ן הֶעכְסְטְן גֶעפִיל, דֶער הַר הַבַּיִת אִיז שׁוֹין פִיל,
גֶע'שָׁחְטְ'ן גֶעשְׁפְּרִיצְט אוּן מַקְרִיב גֶעוֶוען, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס נָאר זֶען,
אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין אוּנְזֶער הֵיים.
**בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ. בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ.**

**ג.** הֶערְלִיכְקַייט מִיט שֵׁיינְקַייט אַ יֶעדְן טְרִיט, מִיט גָאלְד אוּן זִילְבֶּער מְקַבֵּל גֶעוֶוען דָאס בְּלוּט,
קְדוּשָׁה מִיט טַהֲרָה הָאט יֶעדֶער גֶעפִילְט, וֶוען דִי לְוִיִם הָאבְּן דֶעם הַלֵל גֶעשְׁפִּילְט,
קֶען פוּן דֶעם שֶׁענֶערְס זַיין?!
דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעצֵיילְט, בְּרָאטְן דֶעם פֶּסַח זִיךְ שְׁנֶעל גֶעאַיילְט,
מִיט הַלֵל וְהוֹדָאָה אוּן שֶׁבַח הַבּוֹרֵא, גֶעפִירְט אַ סֵדֶר דִי בְּנֵי חֲבוּרָה,
אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין אוּנְזֶער הֵיים.
**בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ. בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ.**

**ד.** וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ, וֶועגְן אוּנְזֶערֶע זִינְד, וֵויינְט יֶעדֶער אֵיינֶער וִוי אַ קְלֵיין קִינְד –
גָלִינוּ מֵאַרְצֵינוּ, פַארְלוֹירְן דֶעם בֵּית תִּפְאַרְתֵּינוּ, פַארְטְרִיבְן פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיים.
וְנִתְרַחַקְנוּ, מִיר זֶענֶען וַוייט, פוּן דִי שַׁיין אוּן לִיכְטִיגְקַייט, וְאֵין אֲנַחְנוּ, מִיר קֶענֶען נִישְׁט,
זָאל וֶוערְן צוּרִיק אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט, אוּנְזֶער הֵיים יְרוּשָׁלַיִם.
**בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ. בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ.**

**ה.** בַּאשֶׁעפֶער! הֶער אוֹיס אוּנְזֶער תְּפִילָה, אוּן בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה,
מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת קוּם שׁוֹין צוּרִיק,
וַוייל יֶעדֶער אִיז דָאךְ דָארְשְׁטֶערִיק, צוּ דַיין הֵיילִיגֶע הֵיים.
דִי כֹּהֲנִים צוּ דִי עֲבוֹדָה צוּרִיק–קֶערְן, פוּן דִי לְוִיִם דִי שִׁירָה אוֹיסְהֶערְן,
אַלֶע אִידְן עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, אַזוֹי וֶועט מֶען גְלִיקְלִיךְ זַיין, אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם.
**בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ. בְּנֵה בֵּיתְךָ כְּבַתְּחִילָה, וְכוֹנֵן מִקְדָשְׁךָ עַל מְכוֹנוֹ.**



מגיש: **"פסח'דיגע ניגונים אויף אידיש"**




לקבלת השירים לשמיעה:

pesachdige.nigunim@gmail.com, או כאן